הכנסת אורחים
לודמיר

פרשיות
תזריע מצורע
אחרי קדושים
גליון 7

# לודמיר

אן אייביגע קשר
צום צדיק

געקליבענע עובדות און געדאנקען
ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי״ע

## דער קארלינער פלאם

די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי״ע

מיר זענען דא ממשיך צו דערציילן איבער די תקופה ווען רבינו רבי שלמה קארלינער זי״ע איז נתקרב געווארן צו חסידות.

ווי מיר האבן דערמאנט איז די ערשטע תקופה געווען א שווערע תקופה, נאך דעם וואס זיין שווער האט נישט געגליכענט זיין התקרבות צו חסידות און אים מער נישט אויסגעהאלטן ער זאל קענען זיצן און לערנען תורה בישוב הדעת.

אין יענער צייט האט רביה״ק געלעבט מיט א מורא׳דיגע דחקות אבער אויך אין יענער צייט ווען די עניות איז געווען אזוי גרויס האט זיך רביה״ק נישט אפגעהאלטן פון אונטערנעמען לענגערע רייזעס קיין מעזריטש וואו ער האט קונה געווען שלימות ביי זיין רבי אינאיינעם מיט זיין רבו מובהק הרה״ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי״ע.

איבער יענע צייטן ווערט דערציילט ווי אזוי ער האט קונה געווען גרויסע השגות און איז געשטיגן זייער הויך מעלה בקדושה ביי זיינע הייליגע רבי׳ס.

אין די שפעטערע יארן ווען ער האט געפירט זיין אייגענער חצר האט ער אמאל מגלה געווען אז אין יענע יארן האט ער זעענדיג די הויכע דרגה וואס דער הייליגער מגיד איז אנגעקומען זיך מתבונן געווען ווי אזוי ער איז אנגעקומען צו אזא דרגה און מגלה געווען אז צוויי נקודות זענען די כח וואס זיין רבי האט.

איינמאל ער האט דאס מגלה געווען האט ער זיך גענומען ארבעטן אויף דעם מיט די גאנצע כח. ער האט געהארעוועט עס צו דערגרייכן און ער האט מעיד געווען אז ער האט משיג געווען די נקודה.

בשם דער מגיד זי״ע זאגט מען נאך אז ער האט מעיד געווען אויף זיין תלמיד אז ער האט משיג געווען די נקודה.

א חלק פון די התקרבות צום הייליגן מגיד האט ער זוכה געווען דורך זיין רבי וואס האט אים געברענגט קיין מעזריטש. מען דערציילט אז ווען רבי אהרן הגדול איז געקומען קיין מעזריטש מיט זיין גרויסן תלמיד האט ער געזאגט פאר׳ן מגיד אז ער האט אים געברענגט א חסיד וואס ווען ער זאגט יום כיפור ביינאכט די ווערטער ׳ה׳ אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ׳ איז ער מעלה אלע ניצוצות פון פוילן, רייסין און ליטע.

כידוע איז די שטאט קארלין געווען זייער התנגדיש געשטימט, די איינוואוינער זענען געווען איינוואוינער פון ליטע און אלעמאל האבן די חסידים געליטן שווערע צרות פון די ארטיגע אידן.

מען דערציילט אז איינמאל האבן די מתנגדים געמאכט א גרויסע אסיפה קעגן די חסידים. ביי יענע אסיפה האט מען געדארפט דורכרעדן וואס מען גייט טון מיט די חסידים. בימים ההם איז רביה״ק געווען אין שטאט און געלערנט תורה מיט זיין רבי הרה״ק רבי אהרן הגדול זי״ע.

הערנדיג אז עס איז דא אן אסיפה קעגן חסידים האבן זיי באשלאסן אז זיי וועלן אהין גיין. ווען זיי זענען אנגעקומען צו די אסיפה האט זיך איינער פון די מתנגדים אנגערופן צו רבי אהרן הגדול ווייזנדיג אויפ׳ן רבי׳ן אז ער וועט דיר נאך איבערשטייגן.

ווען דער רבי אהרן הגדול איז ארויס האט ער געזאגט פאר׳ן רבי׳ן אז אלעס וואס זיי האבן גערעדט ביי די אסיפה איז געווען פאלש נאר די איינע זאך וואס זיי האבן געזאגט אז דו וועסט מיר נאך איבערשטייגן איז אמת....

## צידה לדרך

### דער באשעפער וויל די קרעכץ אויף טירדות הפרנסה / קורצע אמרות פון רביה״ק זי״ע

איינמאל מוצאי יום הק׳ איז רביה״ק געווען בדיחא דעתיה און זיך אנגערופן צו די תלמידים אז ער קען מגלה זיין פאר יעדן איינעם וואס ער האט געבעטן אין הימל און צי מען האט אנגענומען זיין בקשה צי נישט. איינער פון די תלמידים וואס איז געווען אנוועזענד האט געבעטן דער רבי זאל אים זאגן וואס ער האט געבעטן און וואס מען האט אים געענטפערט אין הימל. האט דער רבי געזאגט פאר דעם איד אז ער האט מתפלל געווען אז ער וויל אז זיין פרנסה זאל קומען מיט ישוב הדעת, מיט א רואיגקייט, אז ער זאל קענען דינען השי״ת גרינגערהייט.

פון הימל האט מען אים געענטפערט אז מער ווי מען דארף אויבן זיין תורה און זיין תפילה דארף מען די קרעכץ וואס ער גערט אז ער קען נישט דינען השי״ת ווי עס דארף צו זיין - ווייל דאס האט הקב״ה ליב.

## ווארט פון צדיקים

### איבער די ציון הק׳ / קדושת ארץ ישראל ביים ציון הק׳

אין די רשימות פון הרה״ח רבי מענדל צייזלינגאלד ז״ל שרייבט ער אז אמאל איז ער געווען אנוועזענד ווען דער סלאנימער רבי דער בעל יסוד העבודה האט דערציילט איבער זיין באזוך ביים ציון הק׳ אין לודמיר. ער האט דערציילט אז פאר לאנגע שעה׳ן איז ער געשטאנען דארט בארוועס אן די זאקן און טראץ וואס עס איז געווען אינמיטן ווינטער און אינדרויסן איז געווען פראסטיג קאלט האט ער נישט געשפירט קיין געלט. ער האט זיך אליין געוואונדערט ווי אזוי עס קען זיין אזא זאך.

דער צדיק האט אויסגעפירט אז עס מוז זיין אז ביים ציון הק׳ האט מען געשפירט קדושת ארץ ישראל און ווייל אין ארץ ישראל איז ווארעמער האט מען דארט נישט געשפירט די קעלט.







צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו
פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון
פון קודש הקדשים
רבי שלמה קארלינער זי״ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: +972-5435-660

על הציון
של הקדוש הזה,
הוא ממש כמו שעומדים
לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

# די כח פון אמונה – צוריקגעברענגט די ראיה פאר בלינדע

צווישן די גדולי ישראל וועלכע האבן געוואוינט אין ירושלים עיה"ק אין די פריערדיגע דור האט זיך געצייכנט דער הייליגער צדיק דער בעל 'תורת חסד' פון לובלין.

די גאונות פון דעם צדיק איז געווען ברייט באקאנט אבער אנדערש ווי די דעמאלסט'דיגע גדולי ירושלים וועלכע האבן זיך געצייכנט אלץ די תלמידי הגר"א איז דער תורת חסד געווען א חסיד.

א רייכער און א הייליגער ירושה האט דער גאון איבערגעלאזט נאך זיך, דורכאויס זיין לעבן האט ער אפגעשריבן אסאך כתבים אין תורה אבער צווישן זיי איז אויך מקובל א מעשה נורא וואס האט זיך אפגעשפילט ביי רביה"ק זי"ע.

די מעשה פלעגט דערציילן הגה"צ רבי מרדכי שיינבערגער זצ"ל וועלכער האט די מעשה מקבל געווען איש מפי איש ביז צום תורת חסד.

מעשה שהיה אז דער בעל תורת חסד האט אמאל צוגעזען ווי די קארלינער חסידים אין ירושלים עיה"ק פראווענען כ"ב תמוז די יומא דהילולא פון רביה"ק זי"ע מיט א מורא'דיגע געהויבנקייט. אין קארלין האט מען אלעס געפראוועט מיט א גרויסע שמחה און צוזעענדיג די שמחה האט ער באמערקט ווי איינער פון די אידן איז מורא'דיג בשמחה און טאנצט בשמחה אן אויפהער.

דער תורת חסד זעענדיג די גרויסע שמחה האט געבעטן פון דער איד ער זאל אים זאגן ולשמחה מה זו עושה - פארוואס איז ער אזוי בשמחה?

דער איד האט אים דערציילט די פאלגענדע מעשה.

מעשה שהיה אז מיט יארן צוריק ווען ער האט נאך געוואוינט אין די אלטע היים איז ער קראנק געווארן אויף די אויגן און זיין ראיה האט אנגעהויבן ווערן שוואכער און שוואכער. זייענדיג פארלוירן פון זיין מצב איז ער ארומגעלאפן צו אלע דאקטוירים זוכנדיג וואס ער קען טון אבער קיין איינער האט נישט געהאט פאר אים קיין עצה.

אין א טאג, גייענדיג אין גאס, האט ער מיט זיין שוואכע ראיה געזען און געהערט ווי א קבוצה חסידים גייען אין גאס.



דעם ציון פון תורת חסד און הר הזיתים

ער האט אנגעכאפט איינער פון די חסידים און געבעטן ער זאל אים צופירן צום רבי'ן און מזכיר זיין פאר'ן רבי'ן. מען האט צוגעפירט דעם איד צום רבי'ן און דער איד האט אנגעהויבן אויסגיסן זיין הארץ אז ער פארלירט זיין ראיה און ער זעט כמעט גארנישט.

ווען דער צדיק האט עס געהערט האט ער א פרעג געגעבן דעם איד צי ער גלייבט באמונה שלימה אז הקב"ה איז א פוקח עורים און אז ער איז ביכולת אין די רגע אים צוריקצוגעבן א שלימות'דיגע ראיה.

דער איד האט גלייך געענטפערט אז יא, ער גלייבט באמונה שלימה, אבער ער האט נאר געזאגט אזוי, די אמונה איז נישט געווען בשלימות.

דער רבי האט אים נאכאמאל געפרעגט צי ער גלייבט טאקע? יעצט האט שוין דער איד אויסגעשריגן מיט'ן גאנצן כח אז ער גלייבט און פלוצלונג האט די וואונדער פאסירט - עס איז ליכטיג געווארן אין זיינע אויגן און ער האט אנגעהויבן זען כאחד האדם.

דער איד האט אויסגעפירט פאר'ן תורת חסד אז יעצט ווען ער הערט די מעשה - פארשטייט ער אליין אז יעדער יאר ווען עס קומט צוגיין כ"ב תמוז די יארצייט פון מרן רביה"ק זי"ע ווערט ער זייער נתרגש און ער ווערט מורא'דיג בשמחה, ווייל ער שפירט יעדער יאר ווי דער רבי פולט אן זיין הארץ מיט אמונה און דאס פארשאפט אים א מורא'דיגע שמחה.

## מהנעשה והנשמע אין לודמיר

נייעס'לעך און ידיעות פון לודמיר
און די הכנסת אורחים אין די שטאט לודמיר

# א פיפטער שטאק פון די האטעל

באזוכער אין די שטאט לודמיר וועלכע האבן די זכיה צו ווילן ביים ציון הק' און זעענען איינקווארטירט אין די גרויסע האטעל פון די שטאט לודמיר דערציילן אז אין די טעג דערקענט זיך א בויערײ אויף די פופטע שטאק וואס עס ווערט צוגעלייגט נאך א צימער צו דעם האטעל.

די אונטערנעמונג אויסצובױיטערן די האטעל און צו צולייגן נאך א שטאק וועלכע וועט דינען סיי די לאקאלע און אויך די אידן וואס קומען אהין באזוכן דער מקום קדוש און ווילן זיך משתטח זיין אויפ'ן ציון הק' איז אריין אין שוואונג מיט א שטיק צייט צוריק און מאכט דערווייל ווייטגרייכענדע פארשריט.

די וועד ההכנסת אורחים קוקט ארויס אז לקראת דער יארצייט טאג כ"ב תמוז ווען הונדערטע אידן פון די גארער וועלט קומען אהין און פראווענען די לעכטיגע טעג ביים ציון הק' וועט שוין די פופטע שטאק שטיין על תילו און קענען זיין אין באנוץ פאר די אידן וואס קומען אהין.



פון יאר צו יאר ווערט דער שטראם צו די יארצייט גרעסער, מער און מער אידן שפירן אז זיי קענען נישט פארפעלן מיטצולעבן די לעכטיגע טעג אין לודמיר.

א באזונדערע תפילה בעט מען ביים קל חי אז נאך דעם וואס די פאראײ אין די לעצטערע יארן איז געווען שווער און איז אנגעקומען מיט אויסטערלישע מוטשעניש זאל עס די יאר גיין גלאטיג און אן קיין איבריגע מוטשעניש און שוועריגקייטן.